מכון
שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה' פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **בהעלותך - שלח** תשפ"ג ◆ עלון מס': **115**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### ניינציג יאר צו דער קעניג פון די חזנים

מערערע מאל וועט דער רבי אין חובת הלבבות אויסשמועסן דער געדאנק אז הקב"ה וויל פון דעם איד ער זאל זיך מטריח זיין און ארבעטן פאר זיין פרנסה, און ווי עס איז דער לשון פון דעם רבי'ן אין פרק ד' **בעלי המלאכה והסחורה והשכירות מצווים לחזר על הטרף בהם.** אבער אין די זעלבע צייט פאדערט זיך פון א איד אז ער זאל נישט פארלירן זיין בטחון און נישט גלייבן אין די סיבה אז דאס ברענגט אים פרנסה, און ווי דער לשון פון דעם רבי'ן איז דארט **ואל יחשוב כי הסיבה תועילהו או תזיקהו מאומה** ווייל פרנסה קומט פון הימל און נישט פון די ארבעט אדער די ביזנעס וואס ער פירט אן.

די נסיון איז א זאך וואס באגלייט א איד לענגאויס זיין לעבן. אין מערערע פעלער קען זיך דער מענטש פארגעסן און זיך פארלאזן אויף די סיבה, אבער אז מען חזר'ט זיך איין פארגעסט מען נישט די סיבה.

די געדאנק איז וויכטיג סיי אז מען זאל זיך נישט פארלאזן אויף אַן אנדערן, און סיי ווען עס קומט אונטער פאר א איד א נסיון אין זיין פרנסה. אויך דעמאלטס קען זיך דער איד איינרעדן אז וועגן די פרנסה מוז ער פארקוקן אבער א איד וואס לעבט מיט בטחון האלט זיך שטארק און פארלירט זיך נישט, אויך ווען די נסיון איז א שטארקע נסיון.

א שטארקער און א מרגש'דיגער ביישפיל דערצו איז געווען דער בארימער חזן יאסעלע ראזענבלאט ז"ל. עס איז שוין אריבער מער ווי הונדערט יאר פון ווען ער האט צום ערשטן מאל ארויסגעגעבן זיין ערשטער קאסעטע, אבער דאך הערט מען אים נאך היינט און ער איז נאך אלץ געבליבן דער מוסטער פון א חזן, אז ווען א איד צו'חזנ'ט זיך וועט מען אים בארימען אז ער איז ממש דער צווייטער יאסעלע.

ווער עס האט אמאל געגרינטעוועט אין זיין פריוואטע היסטאריע ווייסט אז פערזענליך האט ער געהאט א שווערע לעבן. ער איז געווען א גרויסער בעל חוב און ער האט אסאך ארומגעוואנדערט אין די וועלט צו דעקן זיינע חובות.

מען דערציילט אויף אים אז אמאל איז ער געווען אין אמעריקע און זייענדיג דארט האט ער געגעבן א גרויסן אויפטריט, און זיין גוטער נאמען איז אנגעקומען ביז קיין וואשינגטאן און די ווייסע הויז האט אים איינגעלאדנט צו זינגען ביי א גרויסער פארברענג.

ער האט טאקע געזינגען דארט און די פארזאמלטע האבן עס אפלאדירט. נאכן זינגען האט אים דער פרעזידענט באגריסט. זיי האבן זיך געשאקלט די האנט, אבער דאן האט אויך די פרוי פון דעם פרעזידענט אויסגעשטרעקט איר האנט צו אים, אבער יאסעלע האט איר נישט צוריקגעגעבן.

"מיין תורה ערלויבט נישט צו געבן די הענט פאר א פרעמדע פרוי", האט ער איר געגעבן צו פארשטיין אבער אזוי ווי עס איז געווען דארט אסאך מענטשן האט זי נישט אויסגעהאלטן די נידערלאגע און די געשעעניש איז געווען באריכטעט אין אלע צייטונגען.

עס איז געווען א גרויסער קידוש השם, אבער ער האט געצאלט פאר דעם א טייערן פרייז. ער האט דערלייגט וועגן דעם צען טויזנט דאלער. [היינט איז די סומע בערך ווי א פערטל מיליאן דאלער].

מיר זענען נישט אין הימל, אבער ווער ווייסט צי די דאזיגע זכות איז אים נישט בייגעשטאנען אז אינדערצייט וואס פון אלע אנדערע חזנים געדענקט מען שוין נישט, ווערן נאר זיינע ווערק געדענקט און מען זינגט עס אן אויפהער אין אלע שולן.

כלל ישראל איז אים שולדיג א דאנק, זיינע שטיק נוצט מען נאך היינט, עס איז זיכער א זכות פאר אים, אבער ער איז אויך געווען א מוסטער פון א איד וואס האט זיך נישט געבויגן פאר די נסיונות.

זיין יארצייט טאג פאלט אויס דעם קומענדיגן כ"ה סיון און זאל עס זיין לעילוי נשמתו - ר' יוסף בן ר' רפאל שלום ע"ה.

[ארויסגענומען פון שיעור 91 אין שער הבטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### צו וועלכע פסיכאלאג ביסטו געגאנגען?

אין אונזער היינטיגער גליון וועלן מיר אנשטאט אראפברענגען א הקדמה, ציטירן א בריוו וואס איז אנגעקומען צו אונז אין די מערכת לעצטע וואך.

די בריוו לייגט זיך ווי פאלגענד:

"צו די חשובע מנהלים פון די השגחה פרטית האטליניע".

איך וויל ענק אין די קומענדיגע שורות מיטטיילן מיט א לעבעדיגע סצענע וואס איך האב מיטגעלעבט אינעם יעצטיגן שבת קודש און עס איז ענק צו פארדאנקען.

פון צייט צו צייט וועל איך מקיים זיין די מצוה פון מכבד זיין מיין שווער און קומען צו אים אויף שבת. יענע וואך, בין איך געווען ביי מיין שווער אויף שבת, און מיט מיר ביי איין טיש האט מיטגעגעסן נאך א מיטגליד פון אונזער משפחה.

ביי די סעודה האט מען געשמועסט, און דער משפחה מיטגליד האט אונז מיטגעטיילט מיט אן אינטערעסאנטער איבערלעבעניש וואס ער האט לעצטנס איבערגעלעבט. ער האט דערציילט אז אין די כולל וואס ער לערנט איז דא א יונגערמאן וואס לערנט דארט אין כולל און יענער יונגערמאן איז פון נאטור אויס א פארביטערטער סארט. יעדע זאך וואס עס געשעט אין די וועלט איז ער איבערגעצייגט אז מען מיינט אים מיט דעם. אז דער ראש הכולל האט געמאכט א טויש אין די סדרי הכולל איז ער געווען טויזנט פראצענט אז מען מיינט אים, אז מען האט געגראבן אין די שטאט און מען האט פארשמירט די גאסן מיט בלאטע אדער געמאכט גערודער, האט ער זיך באקלאגט אז מען רעכנט זיך נישט אים. אלעמאל האט ער געהאט זעק מיט טענות אויף יעדן און האט זיך ארומגעדרייט דערביטערט און בארעדט יעדן און אויפגעוויזן פאר ווער עס איז געווען גרייט אויסצוהערן אז מען מאכט עס דווקא, אז מען מיינט אים און אזוי ווייטער.

מיר האבן אים ביטערליך געשווינט. אזא מענטש וואס איז איבערגעצייגט אז די גאנצע וועלט האט אפגעלאזט אירע זאכן און זיך גענומען אויף זיינעביינער איז אן אמת'ע רחמנות, אבער מער ווי געבן מיטלייד און געפיל האבן מיר נישט געקענט.

איין טאג, האבן מיר באמערקט ווי דער יונגערמאן האט זיך פלוצלונג געטוישט, ער איז שמייכלדיג, ער האט מער נישט קיין טענות אויף קיינעם, דער שכן וויל אים נישט בארויבן און די רעגירונג זוכט נישט צו לעכערן זיינע טאשן.

יעדער אין כולל האט באמערקט די חילוק. יעדער איז געווען זיכער אז עס איז א צייטווייליגער טויש, אבער ווען עס איז אריבער עטליכע טעג און די שינוי האט אנגעהאלטן האבן מיר פארשטאנען אז עפעס איז דא געשען.

"ער איז זיכער געגאנגען צו א פסיכאלאג", האבן מיר גערעדט צווישן זיך.

מען האט אים פארגעלייגט די פראגע, און ער האט מודה געווען אז ער האט זיך געטוישט.

"איך בין צו קיין איינעם נישט געגאנגען. איך האב אנגעהויבן אויסהערן די 'השגחה פרטית' האטליניע. איך האב א שטיק וועג צו גיין פון שטוב ביז צום כולל און איך האב באשלאסן אז איך גיי דערווייל אויסהערן די האטליניע. איך הער עס אויס און איך זע אז אלעס איז פון הימל, אז די לעבן איז זיס און שיין, אז אלעס איז לטובה".

די מעשה האט אונז זייער באנומען און איך האב באשלאסן אז איך גיי ענק דערציילן איבער די עבודת הקודש וואס ענק טוען טאג טעגליך.

איך בין זיכער אז עס איז דא נאך צענדליגע געשעענישן יעדן טאג, אבער יעדע מעשה געבט חיזוק.

גייט אָן מיט אייערע עבודת הקודש און ברענגט אריין א ליכטיגקייט אין יעדן איד.

ביז אהער לייגט זיך די ווארעמע חיזוק בריוו.

און יא, דער איד האט רעכט, מיר האלטן אין איין צוריקהערן אזוינע געשיכטעס פון אידן, און יא, יעדעס מאל וואס מיר הערן עס, געבט עס אונז פרישע חיזוק.

עס איז היינט א מציאות! אידן וואס זענען זוכה און הערן אויס די האטליניע זענען מעיד אז זיי זעען א שינוי אין זייער לעבן.

זייט אויך פון די גליקליכע און שליסט אייך אן און מאכט אויך א טויש אין אייער לעבן.

גוט שבת, **פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28

פון אוסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633

• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

### וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## צוויי יאר פריער

די מעשה וואס איך טייל דא מיט זעט אויס אין מיינע אויגן ווי א פשוט'ע געשיכטע אז עס קען גאר זיין אז ביי אייך האט שוין אויך פאסירט אזוינע זאכן. אין אנהייב האב איך נישט געטראכט עס אריינצוזאגן אין די האטליניע, אבער ווען איך האב זיך דערמאנט וויפיל מאל איך האב שוין אויסגעהערט ווי אנדערע דערציילן אזעלכע פשוטע מעשיות האב איך באשלאסן אז איך גיי עס יא מיטטיילן מיט אייך.

נאך די לאנגע הקדמה, לאמיר צוגיין צו די מעשה. די געשעעניש האט זיך אנגעהויבן פרייטאג אינדערפרי ביי פרישטאג. מיר זענען געזעצן אין שטוב און געגעסן פרישטאג פאר חצות היום ווען פלוצלונג הערן מיר ווי די לעקטער האט געקראכט. איך האב אויפגעהויבן די לעקטער און איך האב פארשטאנען אז מיין וואש מאשין איז צובראכן.

אין איילעניש האב איך באשטעלט א טעכניקער. יענער איז געקומען צו גיין, און נאכן אונטערזוכן די מאשין האט ער מיר געגעבן זיין דיאגנאזע אז די מאשין האט געענדיגט איר דינסט, און אויב איך וויל וואשן מיינע וועש וועל איך זיך מוזן באנייען און קויפן א נייער מאשין.

א נייע מאשין קאסט געלט, און פון וואו נעמט מען געלט? אבער ווי א איד האב איך זיך געשטארקט און מתפלל געווען צום גרויסן טאטן אין הימל. איך האב אים געזאגט אז איך דארף וואשן מיינע וועש און איך האב נישט קיין געלט צו קויפן א נייע מאשין.

"באשעפער העלף מיר צו קענען קויפן א נייע וואש מאשין".

ווען מיין ווייב האט מיטגעטיילט די געשעעניש מיט איר מאמע און מיין מאמע, וויסנדיג אז מיר זענען געענגט מיט געלט, האבן זיי זיך אנגעטראגן אז מיר זאלן קויפן א מאשין און זיי וועלן באצאלן די קאסטן.

מיין ווייב האט עס אפגעזאגט.

"דער באשעפער קען שיקן דירעקט די געלט צו אונז".

אין די זעלבע צייט איז מיין שוויגער אריינגעקומען אין בילד. זי האט אנגעהויבן מברר זיין ביי גוטע פריינט וועלכער סארט פירמע לוינט זיך צו קויפן. זי האט געוואלט אז מיר זאלן קויפן א מאשין וואס וועט מאריך ימים זיין און נאך אסאך ארומפרעגן האט מען איר רעקאמענדירט אויף איין סארט מאשין.

ווענדיג זיין זיכער האט זי אנגעקלינגען נאך איינעם וואס קען זיך אויס אין די ליניע. יענער האט באשטעטיגט אז דאס איז די בעסטע סארט, אבער ער האט געהאט עפעס צו צולייגן דערצו.

"ווייסט וואס"? האט ער זיך אנגערופן.

"איך האב אזא מאשין ביי מיר אין שטוב. איך האב זיך איינגעהאנדלט אזא מאשין מיט צוויי יאר צוריק פאר מיין נייע דירה, אבער די בויערייי שלעפט זיך און

## אינשורענס מיט בטחון

מיין מעשה האט זיך אפגעשפילט מיט פיר יאר צוריק.

עס איז געווען די נאכט פון ל"ג בעומר ווען איך האב פלוצלונג אנגעהויבן שפירן שטארקע ווייטאג אין די ציין. ארויפלייגנדיג מיין האנט דארט, האב איך געשפירט ווי די ארט ווערט אויפגעבלאזן. איך האב פארשטאנען אז עס איז נישט קיין שפיל און איך בין צוגעגאנגען צו די נאנטסטע קליניק און באזוכט דארט ביי א דאקטאר.

אין ארץ ישראל איז דער סדר אז יעדער איינער איז א מעמבער אין א געוויסער העלט סיסטעם, און וויסנדיג אז איך האב א פראבלעם בין איך צוגעגאנגען צו א קליניק וואס ציילט זיך אויף מיין העלט סיסטעם.

מען האט מיר באהאנדלט, און דער דאקטאר האט געזאגט אז איך בין גוט געקומען, ווייל עס האט זיך אנגעהויבן דעוועלאפירן ביי מיר אן אנטצינדונג און יעצט קען מען עס נאך אפשטעלן.

נאכן ענדיגן די באהאנדלונג בין איך אריבער צו די סעקרעטאר און באצאלט מיין באהאנדלונג.

"צי צאלן ענק איין פאר ספעציעלע אינשערונס"? האט דער סעקרעטאר געוואלט וויסן.

"ניין", האב איך אים גענטפערט.

"אויב אזוי וועסטו מוזן צאלן פאר דער יעצטיגער באזוך 128 שקל".

איך האב אים געגעבן דאס געלט.

א רגע איידער איך בין ארויס, פרעגט מיר דער סעקרעטאר פארוואס טאקע צאלן ענק נישט איין פאר די ספעציעלע אינשורענס? עס איז דאך געמאכט פאר אזעלכע צייטן, איר וואלט זיך געקענט שפארן צו צאלן אזויפיל איבריגע געלט.

"מיר האבן בטחון - מיר האבן נישט קיין אינשורענס", האב איך אים געגעבן א זאג.

ווען דער סעקרעטאר האט געהערט מיין ענטפער, האט ער זיך געגעבן א רוף אן צום דאקטאר.

"אפשר מאכט מען אים 101"?

איך האב געמיינט אז 101 מיינט אז מען גייט מיר געבן א דיסקאונט, אבער למעשה האט עס געמיינט אז מען האט אריינגעלייגט מיין באזוך אין א געוויסע קאטעגאריע, אז מען דארף גארנישט צאלן פאר די וויזיט.

איך האב איינגעזען אז די בעסטע אינשורענס איז בטחון.

## גענוי אין דעם טאג

עס איז היינט דינסטאג במדבר, און כ'וויל מיטטיילן א מעשה וואס עס האט פאסירט מיט מיר ממש יעצט.

איך קער זיך יעצט צוריק פון א רייזע צו קברי צדיקים אין פוילן. מיר זענען געווען אין אסאך פלעצער און אויף שבת זענען מיר געווען אין די שטאט דינוב. מען איז אנגעקומען אין די שטאט דינוב פרייטאג מיטאג. מען האט געטראכט צו גיין פרייטאג אויפן ציון הק' פון דער בני יששכר זי"ע, אבער עס האט זיך פארשלעפט און ענדע זענען מיר נאר געגאנגען אויפן ציון מוצאי שבת.

אנקומענדיג צום ציון האבן מיר שטארק מתפלל געווען און נאכן ענדיגן דאווענען אויפן קבר פון דעם הייליגן בני יששכר זענען מיר צוגעגאנגען צו די קבר פון דער צדיק רבי יהושע מדינוב זי"ע, וועלכער איז געווען רב אין דינוב פאר דער בני יששכר און מען דערציילט אויף אים גרויסע זאכן, אז ער האט געהאט גילוי אליהו ועוד.

אזוי ליינענדיג די מצבה האבן מיר באמערקט אז אויפן מצבה שטייט אז זיין יארצייט איז כ"ג אייר, און דאס איז ממש דער טאג וואס מיר זענען דארט געווען אויף זיין ציון.

מיר האבן געמאכט א מנין מיט א קדיש, און אויף צוריקציוועגס האבן מיר


אלפי יהודים כבר יושבים ומתענגים על המגזין החדש והמושקע
השגחה פרטית לכל המשפחה
הצטרפו גם אתם התקשרו עוד היום ל-
02-6246845

ניתן להצטרף גם בעמדת נדרים פלוס תחת השם: "מגזין השגחה פרטית"

בך בטחו
סיפורים קצרים ועובדות מגדולי ישראל בנושא אמונה ובטחון

שטח פרטי
סיפורים אישיים על השגחה פרטית

להתעמק
מאמר עומק

בחזית האמונה
סיפור אישי

פארשטאנען פארוואס עס האט זיך אזוי געפירט אז פרייטאג זאל מען נישט קענען גיין צום ציון, און אזוי ארום האבן מיר געקענט זיין ביים ציון אין די טאג פון די יארצייט.

## השבת אבידה כנגד השבת אבידה

מיין זון וואס לצורך די מעשה וועל איך אים אנרופן משה'לע, האט זיך איין טאג צוריקגעקערט פון זיך שפילן אין די בנין און אין זיין האנט האט ער געהאלטן א פופציג שקל באַנקנאָט.

"טאטי, איך האב עס געטראפן אויף די ערד. צי מעג איך עס נעמען?"

איך האב אים געזאגט אז די הלכה זאגט אז יא, ווייל עס האט דאך נישט קיין סימן, אבער איך וויל אים דערציילן א מעשה.

עס איז געווען א מעשה מיט א יונגערמאן וואס האט געלערנט אין די ישיבה פון פורת יוסף. אין א טאג פרעגט א יונגערמאן אז ער האט געטראפן אויף די ערד דריי הונדערט לירעס. בימים ההם איז דאס געווען א סכום הגון, עס איז געווען די געהאלט פון א ישיבה מאן אויף א גאנצער חודש.

"לויט די הלכה מעגסטו עס נעמען, אבער טראכט א רגע. די געלט איז זיכער אראפגעפאלן פון א יונגערמאן וואס לערנט דא אין כולל, עס איז די געהאלט געלט וואס ער באקומט דא אין כולל און יעצט האט ער עס נישט. זיי זיך מתבונן וויפיל צער דער יונגערמאן האט אז ער טרעפט נישט זיין געלט. מיט די געלט האט ער געפלאנט צו קויפן עסן פאר זיינע קינדער. וואס זאגסטו? אפשר לייגסטו א השבת אבידה צעטל?"

דער איד האט זיך איבערגעטראכט. דער ראש הישיבה האט רעכט. ער האט גלייך אויפגעהאנגען א השבת אבידה צעטל אויפן וואנט אז ווער עס האט פארלוירן א סומע געלט זאל זיך ווענדן צו אים.

עס איז נישט אריבער קיין לאנגע צייט און א יונגערמאן איז געקומען צו אים און דערציילט אז ער האט פארלוירן די געלט, און ער האט עס אים אפגעגעבן.

ווען דער ראש הישיבה האט דאס געזען האט ער ארויסגענומען פון טאש 300 לירעס און עס געגעבן פאר דעם יונגערמאן, זאגנדיג: דאס געלט איז בעצם געווען דיינער און דו האסט עס נישט געדארפט דערלייגן, און וועגן דעם גיב איך דיר דאס געלט.

מיין משה'לע האט געהערט די מעשה און איך האב זיך אנגערופן צו אים אז ער זאל זיך פארשטעלן ווי צובראכן וואלט געווען א יונגל אין זיין עלטער ווען ער פארלירט פופציג שקל.

ער האט באשלאסן אז ער גייט אויפהענגען א צעטל אויפן וואנט און מעלדן איבער די אבידה. עס האט נישט געדויערט לאנג און מען האט געקלאפט אויפן טיר. דארט איז געשטאנען א קינד זאגנדיג אז ער האט פארלוירן די געלט.

"מיין טאטע האט עס מיר געגעבן אז איך זאל באצאלן מיט דעם פאר מיין פריוואטער צולערנער", האט דאס קינד געזאגט, און מיר האבן אים אפגעגעבן די געלט.

אבער דא ענדיגט זיך נישט די מעשה:

עס איז נישט אריבער קיין פינף מינוט פון ווען די מעשה איז געשען, און דער טעלעפאן האט זיך צוקלונגען. אויפן טעלעפאן איז געווען א איד וואס האט געוואלט וויסן צי איך בין נישט דער טאטע פון משה'לע.

דער איד האט דערציילט אז ער איז אין א באס, און ער טרעפט דא א גאראנטי צעטל פאר א זייגער וואס מען האט געקויפט אין א געשעפט.

דער איד האט געוואלט וויסן צי מיר דארפן עס האבן?

"זיכער דארפן מיר עס האבן".

מיט א שטיק צייט צוריק האט משה'לע געקויפט א זייגער. די זייגער האט געקאסט טייער געלט אבער עס האט זיך צובראכן. ווען מען האט עס געקויפט האט מען באקומען א גאראנטי, און ווען מען איז צוריקגעגאנגען אין געשעפט צו בעטן א נייער זייגער האט די געשעפט געפאדערט צו זען די אחריות צעטל, אבער אזוי ווי מען האט עס נישט געהאט האט מען נישט געקענט באקומען עפעס אין אויסטויש, און יעצט אז מען האט די גאראנטי קען מען שוין עפעס טון דערמיט.

מיין משה'לע האט געזען בחוש וויאזוי הקב"ה באצאלט אים צוריק פאר זיין מסירות נפש, די זייגער איז געווען מער ווערד ווי פופציג שקל, און אזוי ארום איז ער נאך ארויס פון די געשעפט מיט א פארדינסט אין די האנט.

שלעפט זיך, עס קוקט מיר אויס אז איך האב נאך אסאך צייט ביז ווען איך וועל ארייניגיין אין די דירה, דערווייל שטויבט עס אפ ביי מיר אין דירה, עס פארנעמט מיר פלאץ, אפשר וואלט איר עס אפגעקויפט פון מיר, איך וועל עס פארקויפן פאר האלב געלט...".

מיר האבן זיך געכאפט אויף די מציאה. מיר האבן סיי פארדינט געלט און סיי געשפארט צייט ביז ווען די מאשין דארף אנקומען צו אונז אין שטוב, און דעם קומנדיגן מאנטאג האבן מיר שוין געוואשן וועש ביי אונז אין שטוב.

מיר האבן געזען וויאזוי הקב"ה האט זיך געזארגט פאר אונז מיט צוויי יאר צוריק.

## ביי אים האט זיך עס גענענדיגט!

פאר א לענגערע צייט האב איך געהאט שייכות מיט א חשוב'ער איד. דער איד איז געווען אן עלטערער איד, אן אמת'ער עובד השם אבער ווי ער האט מיר דערציילט איז ער געבוירן געווארן אין א פרייע שטוב און אין די פראגאנגענהייט האט ער געדינט אלץ הויפט ריכטער אין איינס פון די געריכט הייזער איבער די וועלט.

דער איד האט איבערגעלאזט זיין היים און זיין קאריערע און איז געווארן אן עכטער ערליכער איד.

ביי אים איז די חזרה בתשובה געווען א לענגערער פראצעס ווען עס גייט ביסלעכווייז ביז ווען ער געזעגנט זיך פון זיין אלטע וועלט און קומט אריבער צו די לעכטיגע און הייליגע וועלט פון תורה ומעשים טובים.

די מעשה האט זיך אפגעשפילט ווען ער איז נאך געווען אין די וועלט פון ריכטער אבער אין געהיים האט ער שוין געהיטן תורה און מצוות, ווען אין א טאג האט מען אפגעהאלטן א גרויסע צערעמאניע און איינגעשוואוירן א נייער ריכטער צו זיין אמט.

דער סדר ביי די צערעמאניעס איז אז מען מאכט א לחיים און מען טרינקט א טייערע וויין.

ווען מען האט דערלאנגט די וויין צום טיש האט ער עס באטראכט און געוואלט זען צי עס איז מבושל, אבער עס איז נישט געווען. דער איד וויסנדיג אז עס איז יין נסך האט באשלאסן ביי זיך אז ער גייט נישט טרינקען פון די וויין.

אבער וויאזוי מאכט ער עס? דער נישט טרינקען איז א שארפער פארלעצונג אין די צערעמאניע, ער האט אויך נישט געוואוסט וואס צו טון. דעריבער האט ער געבעטן דער באשעפער אז ער זאל אים העלפן, און דא האט פאסירט אן אינטערעסאנטער זאך.

ווען דער סערווירער איז ארומגעגאנגען טיילן די וויין האט ער געטיילט און געטיילט און פונקט ווען ער איז אנגעקומען צו אים האט זיך די פלאש געענדיגט. דער סערווירער איז געווען אויס מענטש, ער האט געזאגט פאר דעם איד אז ער איז שוין יארן א סערווירער און עס האט נאך קיינמאל נישט פאסירט אזא זאך.

ער האט געבעטן ענטשולדיגונג, אבער דער איד איז געווען אויסערזיך פאר שמחה זעענדיג דערין א צייכן אז מען איז אים מקרב פון הימל.

לראות אמונה בעיניים
ראיון
שנותן כח
צחוק בצד
להכניס אמונה הביתה
מאמר לאמא
שרוצה יותר
באמת
מדור שיתוף - סיפורים אישיים של נשים בנושא השגחה פרטית
עלילות המשגחים
ספור קומיקס אמתי
זה קרה לי
ספור אמתי מהחיים
משגיחים וזוכים
הכל לטובה
מאחורי הקלעים
ילדים מספרים
ועוד...

# צוהערער פרעגן

### שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

איך האב ברוך השם זוכה געווען צו זיין א כולל יונגערמאן. פאר לאנגע יארן האט מיין ווייב אריינגעברענגט די פרנסה אין שטוב אריין. ממש לעצטנס האט זי פארלוירן איר ארבעט. נאך אסאך זוכן האט זי געטראפן א צווייטע ארבעט, אבער די נייע ארבעט ברענגט אריין אסאך ווייניגער געלט ווי די ערשטע, און עס דעקט נישט די גרויסע הוצאות. מיין שאלה איז, צי מיט די זוכעריי האבן מיר יוצא געווען די חובה פון השתדלות, אדער דארפן מיר ווייטער זוכן ביז מיר וועלן טרעפן א בעסערע פרנסה.

שאלה נומער 66 — ה.י. מבית שמש

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

## זיך שטארקן אין בטחון

**הרב אהרן שושיצקי פון בני ברק:** דער שואל הייבט אן זיין שאלה מיט די ווערטער אז 'מיין ווייב איז די הויפט שפייזער ביי מיר אין שטוב'. עס קען זיין אז דא ליגט דער יסוד. דער איד קוקט אן זיין ווייב ווי די הויפט שפייזער, אבער עס איז א טעות. דער אמת איז אז דער רבש"ע איז דער איין איינציגסטער מפרנס. אז דאס וועט זיין די בליק וועט מען נישט האבן קיין שאלות. ענדליך צו דעם זאגט אונז **הרב שמעון חביב פון קרית מלאכי** בשם דער מגיד פון קעלם אין זיין ספר תוכחות חיים [דרוש א] אז ווען א מענטש זאגט אז ער לעבט פון זיין ארבעט און צום סוף לייגט ער צו אז פארשטייט זיך אז אלעס קומט פון אויבן, זעט עס חלילה אויס ווי ער איז משתף אנדערע צום באשעפער. עס דארף זיין קלאר ביי דעם מענטש דער ערשטער אני מאמין אז הקב"ה איז דער עשה ועושה ויעשה לכל המעשים. **לייגט צו דערצו הרב שמעון שלמה ראטמאן פון בית שמש**, אז די ספרי קודש ווי חובת הלבבות און מסילת ישרים זאגן שוין אז די השתדלות איז א חובה אבער עס העלפט נישט, ווייל העלפן העלפט דער בורא כל העולמים.

**הרב חיים מאיר וויזשניצער פון בני ברק:** ווען א איד געפינט זיך אין אזא מצב דארף ער זיך שטארקן אין די אמונה ווייל ווי גרויס די אמונה איז, אזוי גרויס איז די שפע. דער געדאנק ווערט געברענגט באריכות אין קדושת לוי פרשת בשלח [ד"ה אז ישיר משה] ער שרייבט דארט אז די פרנסה פון א מענטש קומט ווי א שאטן. אויב דער מענטש איז רואיג איז ער זוכה אז מען איז אים ממלא זיינע געברויכן, אבער אויב דער מענטש זארגט וועט אים פעלן. די עצה איז - ווי מער אמונה אלץ מער שפע.

**הרב אריה פרעמד פון נוף הגליל:** עס פאדערט זיך פון א איד צו מאכן השתדלות, אבער ווי גרויס און שטארק די השתדלות דארף זיין דאס ווענדט זיך ווי גרויס די אמונה פון א מענטש וועט זיין. איינער מיט א שטארקע אמונה איז פאר אים גענוג אביסל השתדלות. איינער וואס האט א שוואכע אמונה דארף מאכן מער השתדלות. עס לייגן צו דערצו **הרב יהושע מרגלית פון מודיעין עילית און הרב אלעד שליט פון מודיעין עילית** אז דער סימן פאר אמונה איז רואיגקייט. אז א איד איז רואיג פרעגט ער נישט קיין שאלות און אז ער פרעגט שאלות איז א סימן אז ער דארף נאך מאכן השתדלות.

**הרב יוסף דושינסקי פון חיפה, הרב נתן לעווין פון ביתר עילית און הרב יהודה ווייצמאן פון בני ברק:** די שאלה וואס איר שטעלט פאָר איז זייער א כללות'דיגע שאלה. עס איז שווער צו געבן אן ענטפער אויף אזא כללות'דיגע שאלה, אבער בכללות קען מען זאגן אז א איד דארף וויסן אז די השתדלות איז נישט דער מפרנס, אזוי אז דער פאקט אז מען באקומט ווייניג געלט זאגט נישט קיין סאך איבער די ארבעט. ווען עס קומט צו ארבעט דארף א מענטש וויסן צי די ארבעט איז אים צום הארצן און ער שפירט א געשמאק אין די ארבעט. אויב יא זאל ער עס טון, און אויב נישט, נישט, ווי דער תרגום זאגט אויף די פסוק [דברים ח. יח] כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל, אז הקב"ה געבט פאר א מענטש דעת מיט וועלכער זאך ער זאל זיך באשעפטיגן און מיט וועלכער נישט. ווען א מענטש ארבעט מיט וואס ער קען, האט ער א געשמאק אין זיין ארבעט און ער זעט א ברכה אין איר.

## א ברכה פון הימל

**הרב אהרן בייפוס פון רכסים:** מיר ווייסן אז די סיבה פארוואס מיר מוזן מאכן השתדלות איז נאר צוליב די קללה וואס מיר האבן באקומען נאך די חטא פון עץ הדעת. נאך די חטא איז דער מענטש געווארן געשאלטן מיט די קללה פון 'בזעת אפך תאכל לחם'. אבער דאס איז נאר ווען די השתדלות העלפט, אבער ווען די השתדלות העלפט נישט איז פשט אז מיר באקומען די פרנסה גראד פון הימל, פון די ברכת השם. מען דערציילט טאקע אויף צדיקים אז זיי פלעגן מאכן השתדלות און ווען די השתדלות האט נישט געהאלפן זענען זיי געווען בשמחה, ווייל אזוי קענען זיי באקומען די געלט פון הקב"ה דירעקט, עס דארף נישט קומען דורך די קללה. מיר זענען נישט אין די מדריגה, אבער אז עס איז שוין סייוויי אזוי אז די השתדלות העלפט נאר האלבוועגס, קען מען טרעפן א נחמה אז כאטש וועט מען זוכה זיין צו ברכת השם און נישט דארפן לעבן מיט די קללה.

## א תשובה פון די גמרא

**הרב עזרא הכהן טוויל פון בית שמש** ברענגט דערויף א תשובה פון די גמרא. די גמרא אין מסכת פסחים דף נ זאגט אז די חכמים האבן געלערנט אז איינער וואס קוקט ארויס צו די פארדינסט פון זיין ווייב, זעט ער נישט קיין סימן ברכה אין זיין געלט. די גמרא אויפן ארט געבט צו פארשטיין אז מען רעדט דארט ווען א פרוי איז עוסק אין א מלאכה בזויה, אבער אויב זי פארקויפט מעשה ידיה איז עס א כבוד פאר איר, ווי דער פסוק זאגט שוין אין אשת חיל 'סדין עשתה ותמכור'. דער בן יהוידע אויפן ארט ערקלערט פארוואס מען זעט נישט א סימן ברכה, ווייל די ברכה איז מצוי אין א שטוב נאר בזכות פון זיין ווייב און ווייל ער איז איר מבזה זעט ער נישט קיין סימן ברכה ביי דעם. פון דעם קען זיין א קלארע תשובה צו די שאלה. אויב מען צאלט ווייניג פאר די פרוי און מען איז איר משפיל איז זיכער אז זי זאל נישט ארבעטן אזא ארבעט, ווייל אין אזא פאל קען מען נישט זען קיין סימן ברכה אין די ארבעט.

**הרב דוד לייפער און הרב מנחם כהן פון ירושלים:** דער פרעגער באציט זיך אין די שאלה אז זיין ווייב ברענגט אריין פרנסה אין שטוב און ער וויל וויסן וואס ער זאל טון. ער דערמאנט אבער נישט וואס טוט זיך מיט אים אליין. אפשר אין אזא מצב אז זי ברענגט נישט אריין פרנסה אין שטוב זאל ער נעמען אויף זיך די עול הפרנסה. עס איז אמת אז יעדער איד וויל זיצן און לערנען, אבער אז עס איז דא א הכרח אפשר זאל ער טראכטן דערוועגן, בפרט אז עס איז אויך דא תורה'דיגע פרנסות ווי זיין א מגיד שיעור, אדער א משיב אין א ישיבה. עס איז כדאי ער זאל פרעגן א דעת תורה איבער די נושא.

## א שאלה פאר גליון 117

עס גייט נישט אריבער א טאג וואס איך וועל נישט אריינקלינגען אין באנק און אויסהערן אויפן סיסטעם וואס עס טוט זיך אין באנק. וויפיל געלט איז אריין און וויפיל געלט איז ארויס און אויך בין איך בודק צו זען אויב די ערווארטעטע סומעס וואס דארפן אריינקומען זענען שוין אריינגעקומען. עס איז ביי מיר א רוטין און עס מאכט מיר גוט אויפן הארצן. לעצטנס האב איך אנגעהויבן אריינטראכטן צי עס איז א גוטער זאך. חז"ל זאגן ממשמש בכיסו בכל שעה ושעה, אבער אפשר איז דא אין דעם א פגם אין די אמונה. איך וואלט זיך געפריידט צו הערן פון אנדערע וואס איז זייער מיינונג איבער די נושא.

י' ל' ממודיעין עילית

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 > 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת קורח. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

### אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעבאלג שליט"א

## די כח פון א קבלה טובה

מיר ווייסן אז דער בעסטער רעצעפט פאר א מענטש וואס וויל לעבן א געהויבענער לעבן פון דביקות און שמחה, איז אמונה און בטחון. עס איז נישט גרינג צו לעבן מיט אמונה און בטחון. מען דארף אסאך אריינהארעווען אז מען זאל אנקומען צו איר, אבער די עבודה הייבט זיך אן מיט א קבלה, מען דארף מקבל זיין אויף זיך אז מען גייט לעבן אזוי.

אז מען איז מקבל אויף זיך באקומט מען כח צו קענען אנגיין.

אין פרשת נשא לערנען מיר פון א נזיר. מיר לערנען וויאזוי מען ווערט א נזיר. די תוה"ק זאגט אונז אז מען ווערט א נזיר דורכן מקבל זיין אויף זיך נזירות. איינמאל מען האט שוין מקבל געווען אויף זיך נזירות רופט די תורה הק' אן דעם נזיר מיטן טיטל פון 'קודש להשם' אדער 'נזר אלקיו', און די שיינע טיטלען איז נאך פאר ער איז מקיים די נזירות, נאר גלייך נאכן מאכן די קבלה טובה.

דער לב שמחה זצ"ל געבט צו פארשטיין פארוואס טאקע רופט אים די תוה"ק גלייך אן מיטן לשון "קודש", ווייל די תוה"ק קומט אויסלערנען א איד די כח פון א קבלה טובה, ווייל ווען א איד מאכט א קבלה טובה, באקומט ער כוחות פון הימל עס צו קענען אויספירן.

אבער אז די קבלה זאל זיין גאנץ פעלט זיך אויס אז דער מענטש זאל זיך מאכן א חשבון הנפש פריער, ער זאל וויסן וואו ער האלט אויף די וועלט, אין וועלכע נקודה דארף ער זיך פארבעסערן, צי ער וועט קענען אויספירן די קבלה טובה, וויאזוי ער גייט עס אויספירן פראקטיש, און נאכדעם קען ער מאכן א קבלה טובה ביי זיך.

די געדאנק איז שייך איבעראל, אויך ווען עס האנדלט זיך פון פירן א שטוב מתוך אמונה און בטחון. א איד דארף זיין אפן מיט זיך וויפיל געלט ער דארף האבן צום לעבן און וויפיל ער ברענגט אריין, און איינמאל ער מאכט א חשבון קען ער זיך מקבל זיין א קבלה טובה וויאזוי ער גייט אנהייבן צו לעבן מיט אמונה און בטחון און זיך פארלאזן אויפן רבש"ע.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל נישט דארפן אנקומען צו פרעמדע הענט און צו קיין הלוואות, נאר צו די ידו הפתוחה הקדושה והרחבה פון דעם בורא עולם.

די שיעורים פון הרב שנעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 > 3 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

**מצד די באנוצער**

פאר יארן לאנג האב איך געמיינט אז צו לעבן מיט אמונה און שפירן השגחה פרטית איז א מדריגה און נאר בעלי מדריגה זענען זוכה צו דעם, אבער פון ווען איך האב אנגעהויבן הערן די האטליניע האב איך פארשטאנען אז מען רעדט אויך צו אזעלכע פשוט'ע אידן ווי איך אויך. איך האב אנגעהויבן לעבן מיט אמונה און איך זע השגחה פרטית אויף טריט און שריט. וואויל איז צו ענק מזכי הרבים! שטארקט אייך אין אייער עבודת הקודש!

**מצד די געבער**

ביי אונז אין די משפחה איז געווען עטליכע פעלער פון אידן וואס האבן ארויסגעקוקט אויף א ישועה. איינער פון זיי האט געדארפט דורכגיין א דרינגענדע אפעראציע וואס וועט ראטעווען זיין לעבן און נאך צוויי האבן אויסגעקוקט געהאלפן צו ווערן מיט א זיווג הגון. זוכנדיג א גוטע סגולה האב איך באשלאסן אז איך גיי נעמען אויף מיר אויסצוצאלן די זכותים פון פארשפרייטן דער גליון אין שולן. איך האב אריינגעקלינגען אין די אפיסעס און זיי איבערגעגעבן די דעטאלן פון מיין קרעדיט קארטל און אויסגעקוקט אויף א ישועה. די ישועה האט נישט געשפעטיגט צו קומען. די מעשה האט פאסירט חודש שבט, און שוין אין יענע חודש זענען ביידע געהאלפן געווארן מיט א שידוך און אויך דער קראנקער האט געהאט א רפואה, אז די דאקטוירים זאגן יעצט אז עס איז זייער מעגליך אז ער וועט מער נישט דארפן קיין אפעראציע.


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

רוף יעצט אריין: 02.6313.742

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
|---|---|---|
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |

**טייערע לייענער**

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט פארבינדט זיך מיט אונז אויפ'ן נומער:

9722-6-313-742

**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,

שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער איבערהערן קריאת התורה